פון געזעלשאפטליכע בעוועגונגען? מען דארף דאך ניט פערגעסען, אז צו יענער צייט איז דאך שוין די אידישע גאס געוועזן דורכגעדרונגען מיט א מעכטיגער נאציאנאלער בעוועגונג — ציוניזם. אט די בעוועגונג, וועלכע האט אזוי אויפגעמונטערט און אויך ארגאניזירט פערשידענע פאלקס־שיכטען, האט דער אידישער פראלעטאריאט ניט געקאנט איגנארירען און האט איהם ווירקליך ניט איגנארירט. דארף איך דען דערמאנען, ווי אזוי איין טהייל פון דעם אידישען פראלעטאריאט האט שטענדיג און שארף מיט דער בעוועגונג געקעמפפט און האט זיך דאביי אין א געוויסער מאס געפיהלט אונטער איהר ווירקונג, — און דער אנדער טהייל האט, אבטהיילענדיג זיך פון דער בורזשואזיע, פערבונדען זיין גורל מיט אט דער בעוועגונג אין איהר היסטארישער ענטוויקלונג, און דאמיט אויך ערקאנט די פראגרעסיווע ראל פון דער אידישער בורזשואזיע. דער פראלעטאריאט האט אויך געזעהן, ווי אין דער צייט פון די „פרייע טעג“ האט זיך די אידישע בורזשואזיע אויך פ א ל י ט י ש אנגעהויבען ארגאניזירען (די דערגרוויכער, שפעטער — ציוניסטען, גרופיסטען, פאלקס־פארטיי). אמת, דער פראלעטאריאט האט זיך קריטיש בעצויגען צו זייערע פראגראמען, — אבער דאס האט דער פראלעטאריאט געטהון, ווייל „מיר האבען געהערט, אז די אויפגאבע פון פראלעטאריאט איז טרייבען דאס... בירגערטהום אין וואס „לינקערע“ ריכטונג“. אבער פון טרייבען דאס בירגערטהום אין א וואס לינקערע ריכטונג, ביז א אילוזיע, אז אויסער דעם פראלעטאריאט איז אין'ם אידישען פאלק ניטא קיין פאליטישער און סאציאלער כח, איז דאך א מהלך־רב!

(ע נ ד ע ק ו מ ט).

ש. אנ—סקי.

# די צלם פראגע

אן ענטפער דר. ח. זשיטלאווסקי *)

.1

דר. ח. זשיטלאווסקי האט אוועקגעשטעלט דעם אידישען פאלק א נייע היסטאריש־נאציאנאלע אויפגאבע, אוועקגעשטעלט שארף און הארב, ווי א חוב פון דין און גערעכטיגקייט: „רעוועדירען דעם דרייפוס פראצעס, אין

*) דר. ח. זשיטלאווסקי: שלום אש'ס „אין א קארנאוואל נאכט“ און ל. שאפיראס „דער צלם“. („דאס נייע לעבען“. ד־טער העפט). — אין דיעזען העפט געפינט זיך נור דאס ערשטע העלפט פון ארטיקעל, דאך רעכען איך פאר מעגליך, ניט ווארטענדיג אויף דעם סוף, ענטפערען דר זשיטלאווסקי'ן. ווייל די הויפט פראגע („מיר און דער צלם“) איז, אין

דאס נייע לעבען I (1909)



וועלכען עס ווערט טאג טעגליך פערמשפט און געקרייציגט אונזער אונשולדיגער ברודער פון נצרת“. שטעלענדיג די אויפגאבע אין אזא פארם, אנערקענענדיג פאראויס די אונשולדיגקייט פון דעם „געקרייציגטען ברודער“, בעשטימט דר. זשיטלאווסקי שוין פאראויס אויך דעם ווערדיקט פון דער רעוויזיאן. דער אידישער משפט איבער קריסטוס'ן איז א פאלשער, א „דרייפוס־משפט“, ער מוז אפגעשאפט ווערען און דאס אידיש פאלק דארף תשובה טאן. זייענדיג פאראויס זיכער אז דער אונשולדיג־פערמשפט'ער וועט מוחל זיין, רופט דר. זשיטלאווסקי צו שלום און אחדות צווישען אונז און קריסטוס.

אויף וויפיעל מיר איז בעקאנט, האט דר. זשיטלאווסקי ביז איצט ווייניג בעשעפטיגט זיך מיט דער קריסטוס־פראגע. אויב ער איז די לעצטע צייט ארויסגעטראטען מיט דעם אויפרוף צו שלום און אחדות, איז דאס געוועזן נאר בנוגע צו יודיש סאציאליסטישע פארטייען. צו דער אידעע, אוועקצושטעלען די שלום־פראגע אזוי ברייט, אז זי זאל ארומנעמען, חוץ דעם „בונד“ און די „פועלי ציון“ אויך קריסטוס און משיח'ן, רחל און מרים'ען, — צו דער אידעע האט דר. זשיטלאווסקי געבראכט אש'ס ערצעהלונג: „אין א קארנאוואל נאכט“, וואו עס ווערט געשילדערט, ווי קריסטוס גיעסט אויס זיין ביטער הארץ פאר משיח'ן, און מרים זיצט האנט ביי האנט מיט דער מוטער רחל און זיי נעהען ביידע פלאכטעס פאר די טראיאנאווער הרוגים. דר. זשיטלאווסקי צווייפעלט אויף א מינוט ניט אין דעם אינערליכען אמת פון אש'ס בילדער, און מיט א טאן פון תשובה און חרטה איז ער זיך מתודה: „אין מיין פריהער יוגענד האב איך נאך גיט געוואוסט, אז דו (ד. ה. מרים) וועסט אין איינעם מיט אונזער מוטער רחל נעהען פלאכטעס פאר די יודישע הרוגים“. יעצט אבער וויים ער עס שוין און ער שרייט אויס: „פערגיעב מיר שוועסטער מרים!“—די תשובה־שטימונג ברענגט איהם דערצו אז ער שטעלט אש'ס פראבלעם פיעל ברייטער: שלום ניט נור צווישען די ביידע משיח'ן און די ביידע „מוטערס“—שלום צווישען דעם צלם מיט דער ספר תורה, צווישען דער „קריסטליך־אייראפעאישער ציוויליזאציע“ מיט דער אידיש־תלמודיסטישער קולטור.

נאך דער טעאריע פון דר. זשיטלאווסקי, איז די גאנצע אורזאך פון דעם „דרייפוס־טעות“ איינקעגען קריסטוס'ן—די אונוויסענהייט און די אבגעזונדערטהייט, אין וועלכע די אידען האבען געלעבט ביז דער צייט: זיי

צוזאמענהאנג מיט אש'ס ערצעהלונג, שוין אין דער ערשטער טהייל פון ארטיקעל אוועקגעשטעלט קלאר און ברייט. וואס איז שייך ה. שאפיראס ערצעהלונג, איז אין איהר אוועקגעשטעלט איבערהויפט נור א פסיכאלאגיש פראבלעם און האט א גאנץ קאפען צוזאמענהאנג ניט נאר מיט דער „צלם פראגע“ (דער גאנצער עפיזאד מיט דעם צלם איז א „געמאכטער“, א מעכאניש צוגעקלעפטער) נאר אפילו מיט דער „רעוואלוציע־פראגע“. דאס איז געווים א טאלאנטפאלע סקיצע (אין וועלכער עס פיהלט זיך שטארק דער איינפלוס פון אנדרייעווס „בעזדנא“). אבער אהן רעש.

Andreyev

האבען פשוט ניט געוואוסט און ניט פערשטאנען קריסטוס'ן, זיי האבען ניט געפיהלט „די הייליג־שויערליכע שעהנהייט“ פון דער קריסטליכער לעגענדע. איצט אבער האט זיך די שטימונג ראדיקאל אומגעביטען. „ביי דער איצטיגער יוגענד,—שרייבט דר. זשיטלאווסקי,—און ביי יענעם טייל פון די עלטערע אידען וואס האבען אויסגעלערענט זייער הארץ דרך־ארץ צום קריסטענטהום, האבען די אלטע אומווערדיגקייט־געפיהלען געמוזט שוין לאנג פערשווינדען“ און עס האט „געמוזט אויסוואקסען די בעדערפעניש פאר געוויסע טיילען פון דעם פאלק קריטיש איבערצוקוקען אונזער גאנצע אנטי־קריסטליכע טראדיציע“. געמוזט האט דאס געשעהען דערפאר, ווייל אידען, אריינטרעטענדיג אין דער משפחה פון ציוויליזירטע פעלקער און איבערנעמענדיג די „מאדערנע קריסטליכע ציוויליזאציאן“, מוזען צוזאמען מיט דער ציוויליזאציאן איבערנעמען אויך די אלגעמיין אייראפעאישע אנשויאונג אויף קריסטוס און דעם קריסטענטהום.

דעם ערשטען ארויסטראט צו פארמולירען פאעטיש און פילאזאפיש דאס, וואס עס מוז און עס דארף געשעהען, האבען געמאכט שלום אש און דר. זשיטלאווסקי. *)

*) פאר דעם קומענדען היסטאריקער מוזען מיר בעמערקען, אז דער לארבער־קראנץ פון ערשטען ארויסטרעטען געהערט ניט אש'ן און ניט זשיטלאווסקין נור נסתר'ן (אויב מען זאל ניט רעכענען געוועהנליכע מיססיאנערען), וועלכער איז מיט עטליכע יאהר צוריק ארויסגעטראטען מיט א פלאם־פייערדיגער „תפלה צו מרים“.

אגב, נאך א קליינע בעמערקונג: דר. זשיטלאווסקי שרייבט: „און קוראזש האבען זיי ביידע, אש און שאפירא, יענעם קוראזש פון מענשען מיט איינענע קעפ אויף די אקסלען, וואס האבען קיין מורא ניט צו שווימען אנטקעגען דעם שטראם: אש מיט זיין פערהערליכונג פון קריסטוס און מאריא, שאפירא מיט זיין אנפאל אויף אונזער איבערגעבענקייט דער רעוואלוציע“. — וואס איז שייך דעם ה. שאפירא, ווייס איך ניט וואס פאר א שווימער ער איז געוועהנליך, נור אין דעם פאל זעה איך פון זיין זייט קיין איבעריגען קוראזש ניט. אנפאלען איצט אויף „אונזער איבערגעבענקייט“ (!) דער רעוואלוציע“ (וועלכע נור א פוילער בריקעוועט ניט!) איז ניט קיין גרויסער העלדען־טהאט, אין אלעם פאל, שווימענדיג איצט אנקעגען דעם רעוואלוציאנערען שטראם, ריזיקירט חו"ש הערר שאפירא אפילו א האר ניט דערטרונקען ווערען. נאך ווייניגער „שווימונג איינקעגען שטראם“ געפין איך ביי אש'ן. דוכט זיך אקוראט דער היפך: אש שווימט שטענדיג מיט דעם שטראם. אריינטרעטענדיג אין דער פוילישער געזעלשאפט, האט ער אנגעשריבען זיין פויליש־נאציאנאליסטישע (פאר אידען אססימילאטארישע) „משיח'ס צייטען“. נאכדעם, אז אין דער ליטעראטור איז אריינגעדרונגען דער זנות־שטראם, איז אש ארויסגעטראטען מיט זיין „גאט פון נקמה“. פון זנות איז מען אריבער צו „מלחמה איינקעגען גאט“ — אש האט זיך אבגערופען אויף דעם מיט זיין „שבתי־צבי“. יעצט האט זיך אנגעהויבען א „קריסטליכע שטימונג“ — און אש איז שוין דא מיט זיין „אין א קארנאוואל נאכט“. הייסט דאס שווימען איינקעגען שטראם? דוכט זיך דאס קען געבער הייסען: נאכטאנצען יעדער מאדע.

Asch - the perpetual crowd-pleaser



.2

דר. זשיטלאווסקי שטעלט אין זיין ארטיקעל צוויי טעזיסען: 1) אידען מוזען איבערנעמען די אל־אייראפעאישע אנשויאונג אויף קריסטוס און קריסטענטהום, ווייל די גאנצע אייראפעאישע ציוויליזאציע, וועלכע אידען, אריינטרעטענדיג אין דער משפחה פון ציוויליזירטע פעלקער, מוזען איבערנעמען, איז א קריסטליכע. 2) אידען דארפען שלום מאכען מיט קריסטוס און דעם קריסטענטהום ווייל דער איצטיגער אויפטראג פון אידען צו זיי ביידען איז אומווערדיג און אומגערעכט.

מיר וועלען זיך צוערשט אבשטעלען אויף דער מוז־פראגע. דר. זשיטלאווסקי חזר'ט עטליכע מאל איבער דעם אויסדרוק „די קריסטליך־ציוויליזירטע וועלט“, „די קריסטליכע ציוויליזאציע“. מיר וואלטען וועלען וויסען, וואס פערשטעהט דר. זשיטלאווסקי, אונטער דעם ווארט „ציוויליזאציע?“ געוועהנליך פערשטעהען מיר אונטער דעם טערמין „ציוויליזאציע“ יענע ערשיינונג און שטרעמונגען, וועלכע עפענען פאר דער מענשהייט אלס ברייטערע האריזאנטען, בעפרייען אלס מעהר דעם מענשענס גייסט און דינען פאר א באדען דעם אל־מענשליכען פראגרעסס. אט די ציוויליזאציע איז, פערשטעהט זיך, אונפערמיידליך פאר יעדעם פאלק, וואס שטרעבט צו א היסטארישען לעבען. אבער מיר וואלטען וועלען וויסען אויף וועלכען סמך גיט דר. זשיטלאווסקי דעם צענעמעניש „קריסטליכע“ דער ציוויליזאציע, אנטקעגען וועלכער די קריסטליכע קירך האט פון ערשטען טאג אן ניט אויפגעהערט צו פיהרען א בלוטיגען און אכזריותען שטרייט, ווי איינקעגען דעם געפעהרליכסטען פיינד? מיר קענען זיכער זאגען, אז די אייראפעישע ציוויליזאציע איז אין גרונד אנטי־קריסטיש און דאס אידישעם פאלק קען זי איבערנעהמען, בלייבענדיג בלב ונפש פרעמד און אפילו פיינדליך דעם קריסטענטהום. מיר האבען אין דעם אופן א גלענצענדען ביישפיעל יאפאן האט אין די לעצטע יאהרען איבערגענומען די אייראפעישע ציוויליזאציע און איז דערביי געבליבען גאנץ פרעמד דעם קריסטענטהום. דאס הייבט אן פארקומען אויך אין חינא, אין טירקיי, פערסיען און אנדערע מזרח־לענדער.

ווי עס ווייזט אויס פערשטעהט דר. זשיטלאווסקי אונטער דעם ווארט ציוויליזאציע יענע אייראפעישע נאציאנאלע קולטורען, וועלכע זיינען דורך זייערע העכסטע ערשיינונגען פעראייניגט אין איין אייראפעישער קולטור. אט די קולטור איז, אויב ניט דורכגעדרונגען מיט דעם קריסטענטהום, האט זיא אין זיך פיעל וויכטיגע קריסטליכע עלעמענטען (און אויך זייער פיעל אנטי־קריסטליכע). איז אבער דען א חוב פאר אלע ציוויליזירטע פעלקער איבערצונעמען אט די קולטור? דר. זשיטלאווסקי ווייזט אויף אין זיין ארטיקעל אז מיר האבען דריי ציוויליזאציעס (איך וואלט זאגען הויפט קולטורען): גריכישע, גערמאנישע און קריסטליכע, ער ווייזט אויף ווי פרעמד די אלע קולטורען זיינען פאר אידען. אבער ער פערגעסט דערביי פעסטצושטעלען אז די פרעמדהייט צו די אלע קולטורען שטאמט ביי אידען דערפון וואס

זיי האבען זייער אייגענע קולטור, די אידישע, אזוי ווי די מזרח־פעלקער האבען זייער קולטור די בודדיסטיש־קאנפוציאנער. קען רען דר. זשיטלאווסקי דערווייזען אז די קריסטליכע קולטור איז א מוז זאך פאר אלע ציוויליזירטע פעלקער? מיר זעהען אז די קריסטליכע וועלט האט געקענט דערגרייכען די העכסטע גייסטליכע מדריגה נישט וויסענדיג ניט פון דעם תלמוד, ניט פון יהודה הלוי, ניט פון דעם צמח־צדק א. ז. וו. פארוואס זשע קענען מיר ניט דערלאזען אז די אידישע קולטור קען אויך דערגרייכען די העכסטע מדריגה, בלייבענדיג פרעמד ראפאעלען, דאנטע׳ן און באך׳ן? לאז דר. זשיטלאווסקי דערווייזען אז דער עוואנגעליום ענטהאלט מעהר אייביגעס און אל־מענשליכעס ווי דער תלמוד, אז דאנטע איז העכער פון יהודה הלוי, אז די קריסטליכע שטימונג און רעליגיעזע התלהבות זיינען שענער און העכער ווי די חסידישע? וועגען דעם צו איז בעגעהרענד און מעגליך פאר אידען צו אסימילירען די געניאלע ווערק פון דער קריסטליכער קולטור, וועלען מיר ריידען שפעטער, דערווייל פרעגען מיר נור צו איז דא א מוז־זאך? און כל זמן דר. זשיטלאווסקי וועט ניט דערווייזען, אז דאס אידיש פאלק קען אנדערש ניט אריין אין דער משפחה פון ציוויליזירטע פעלקער, ווי דורך דעם טויער פון קריסטענטהום, וועלען מיר רעכענען, אז דעם ערשטען פון די צוויי אויבען דערמאנטע טעזיסען האט געקענט שטעלען נור אזא איד, וועלכער רעדט וועגען אידישער קולטור וועלכער בענקט נאך איהר, אבער וועלכער האט שטענדיג געלעבט מיט פרעמדע קולטורען און קען זיך ניט פארשטעלען קיין אנדערן גייסטליכען לעבען, חוץ זיי.

### 3.

מיר נעהען איבער צום צווייטען טעזיס. דר. זשיטלאווסקי רופט אונז „שלום מאכען מיט קריסטוס“. מען קען ניט זאגען אז אויך אין דעם פונקט האט דר. זשיטלאווסקי קלאר ארויסגעזאגט זיין געדאנקען. וואס פערשטעהט ער אונטער דעם ווארט „קריסטוס“? רופט ער אונז שלום מאכען מיט דער גרינדליכער אידעע פון קריסטענטהום („גאט־מענש“), מיט דער קריסטליכער לעגענדע, אין וועלכער ער געפינט א הייליג שויערליכע שעהנהייט, אדער מיט דער תורה פון קריסטוס וועגען ליבע און מחילה?

וואס איז שייך די גרונד־אידעע פון קריסטענטהום, וואלט איך לחלוטין ניט פערשטעהען דר. זשיטלאווסקי, ווען ער וואלט רופען אידען שלום מאכען מיט איהר. ער ווייס זעהר גוט אז אין דעם ליעגט דער שורש פון דער צוטיילונג צווישען יודענטהום און קריסטענטהום, אז אויפנעמען די אידעע פון גאט־מענש הייסט אויפהערען צו זיין אידען, אבזאגען זיך פון דער גאנצער אידישער קולטור, אפילו פון דעם נאמען איד.

שלום מאכען מיט דער קריסטליכער לעגענדע איז מעגליך אויף צוויי אופנים: ערשטענס, איבערנעמען די לעגענדע אויף אזא אופן אז זי זאל ווערען א מקור פאר אידישען קינסטלערישען שעפפונג און צווייטענס, איבערנעמען, דורכפיהלען און אסימילירען יענע אייראפעאישע קינסטלערישע ווערק און



קולטורעלע ערשיינונגען, וואס זיינען דורכגעדרונגען מיט דער קריסטליכער שטימונג.

כדי איבערצונעמען די קריסטליכע לעגענדע אויף אזוי פיעל, אז זי זאל ווערען פאר דעם אידען איין אייגענע, איז נאך ניט גענוג אויסלערנען זיך דרך ארץ צו קריסטוס און דעם קריסטענטהום; דערצו פאדערט זיך נאך א גרויסע און אפשר איין אוממעגליכע פסיכאלאגישע איבערקעהרעניש. מיר דארפען ניט פערגעסען, אז די קריסטליכע לעגענדע ווי מיר געפינען זי איצט איז באשאפען געווארען אין דעם משך פון הונדערטער און הונדערטער יאהרען דורך מענשען וועלכע זיינען געוועזן דורכגעדרונגען מיט פייערדיגען גלויבען, אז קריסטוס איז א גאט; אז די לעגענדע האט א הייליג שויערליכע שעהנהייט נור דערפאר, ווייל זי איז דורכגעדרונגען מיט טיעפער אמונה, מיט התלהבות, מיט מסירת נפש און מיט טייכען טרערען. קען רען דער איד, פאר וועלכען אט די אמונה, די התלהבות, דער מסירת נפש און די טרערען און תפלה׳ס זיינען די גאנצע צייט געבליבען פרעמד און פיינדליך, איצט דורכפיהלען די לעגענדע? און וואו וועט ער אהינטאן זיין אייגענע צוויי־טויזענד יאהריגע פסיכאלאגיע, וועלכע איז דאך אויך דורכגעדרונגען מיט אמונה, התלהבות, מסירת נפש בלוט און טרערען? מי דארף נאך דערצו ניט פערגעסען אז די הייליג־שויערליכע שעהנע לעגענדע איז פון ערשטען טאג געוועזן דורכגעדרונגען מיט שנאה און האס, דורכגעווייקט געוועזן מיט א חרם־געפיהל צו די וועלכע האבען אבגעשטויסען און געקרייציגט קריסטוס׳ן. און ניט זעלטען איז די לעגענדע געוועזן רייך בעגאסען מיט אידישע בלוט און טרערען. דארפען און קענען אידען דאס אויך איבערנעהמען?

נאך דר. זשיטלאווסקי׳ס מיינונג איז דער גאנצער אויפטראג פון אידען צו קריסטוס און קריסטענטהום נור א ציניש־אומווערדיגער, ווי צו א פערקרימטען געצקע, ווי צו א „פערפעסטעטער נבלה“. מיר דוכט, אז ער האט אין דעם אופן א גרויסען טעות. אידען האבען זייער קריסטליכע לעגענדע, וועלכע איז אפולע טיעפער און טראגישער ווי דר. זשיטלאווסקי מיינט. איך וועל דערמאהנען נור איין שטריך פון דער לעגענדע: אז מען שטעקט אריין א מעסער אין דער ערד ביי נאכט פון קריסטוס געבורטס־טאג (נתל) געהט בלוט. דארף איך מפרש זיין, וואס פאר א זין עס ליעגט אין דער גלויבונג? קלאהר, דער איד פיהלט, אז דורך דער געבורט פון קריסטוס האט זיך די ערד אויף אזוי פיעל אנגעזעטיגט מיט בלוט (אידישע) אז וואו מען זאל זיך ניט צורירען צו איהר (דער ערד) וועט אנהייבען שפראצען בלוט! אויף וויפיעל די קריסטליכע לעגענדע איז פרעמד און טויט פאן דעם אידישען גייסט קענען מיר זעהען פון די פאלגענדע ביישפיעלע. אז דער גרויסער קינסטלער אנטאקאלסקי וועלכער האט באמת געקענט אריינדרינגען אין א פרעמדער פסיכאלאגיע, האט זיך גענומען פאר דער קריסטוס־לעגענדע, האט ער, אנשטאט א גאט־מענש, געמאכט א גולם מיט א צלם (קריסטוס געהט איבער׳ן ים) און א רוסישען נאראדניק אויף׳ן

Antokolsky vs. Asch



„דאפראס“ ביין „זשאנדארמסקי“ (קריסטוס פאר זיינע שופטים). נאך שטרענגער איז געשטראפט געווארען אש, אז ער האט זיך גענומען פאר קריסטוס'ן אין זיין „קארנאוואל נאכט“. די גאנצע „אידעע“ פון דער סקיצע בעשטעהט אין דער ענדעקונג אז קריסטוס און מאריא זיינען געווען... אידען! איך רייד שוין ניט פון דעם, אז די אידעע זעלבסט אין די פארמען אין וועלכע אש האט זי בעארבייט, איז שוין געווען פיעל מאל געקייט און איבערגעקייט אין אלע „קאפיקע־ביכלאך“ פאר דאס פאלק (למשל „פאר וואס?“ פון מארדאווצעוו), זעהט ווי אש האט בעארבייט זיין קריסטוס! דער ערשטער קאפיטעל פון „אין א קארנאוואל נאכט“, וואו עס פיגורירען אידען, איז קינסטלעריש שעהן, עדעל און דערמאהנט דעם אמאליגען אש פון „א שטעדטעל“. נור אט הייבט זיך אן דער צווייטער קאפיטעל מיט קריסטוס'ן,—און אנשטאט אש דעם קינסטלער, טרעט ארויס פאר אונז א שמירער פון דער שונד ליטעראטור. אין גאנצען קאפיטעל ניט איין פסיחא־לאגישער שטריך, ניט איין הארַאקטעריסטישער ווארט וואס זאל וועקען א וועלכען ניט איז געפיהל צום געקרייציגטען. קריסטוס קומט צו משיח'ן און מיט א וואסערדיגער מליצה און וואלוועלע פאטאס־פראזען, גראב נאכגע־מאכטע די נביאים רייד, גיסט ער פאר איהם אויס זיין הארץ: שטייטש! ער אליין איז א איד און מיט זיין נאמען שלאגט מען אידען! און קוקט־אן דעם קריסטוס. ער איז אזוי עהנליך דעם וואנגעלישען קריסטוס ווי א גע־שמד'טער איד פון „פראווא־זשיטעלסטווא“ וועגען איז עהנליך אויף א מאסקווער פראוואסלאוונעם פאניע. נעהמט די ערשטע שורה: „די רוימער האבען ניט געזעהען דעם מענשען־גאט, וואס האט זייער הייליג קירכע פערלאזט און צווישען זיי זיך ארומגעדרעהט“. (Sc i!) ווי געפעלט אייך דער מענשען־גאט וואס דרעהט זיך ארום אין מארק, ווי א פערד־מעקלער? פיהלט זיך דען ניט פון דער איין פראזע, אז אש, פערגלאצענדיג די אויגען און מורמלענדיג: „מענשען־גאט“, בלייבט אין טיעף הארצען קאלט און פרעמד צו קריסטוס, ווי צו א געצקע? ווייטער. אש'ס קריסטוס פערגעסט מיט א מאהל ווער ער איז, פערגעסט אז ער איז משיח און זיינע אנהענגערווארטען אויף איהם, און זאגט דעם אידישען משיח: „און דו ווערסט מיט דיין שופר בלאזען, צו פערזאמלען די פעלקער הינטער דיין בארג“. און וואס וועט טאהן קריסטוס אין דער צייט? זיצען אין חאבאדינצע און זאגען „אשרי תמימי דרך?“ אש איז זיך משער, אז א גאט מיט זייער א גוט הארץ האט א מאמען, מוז ער זיא ליעב האבען. און וועגען דעם וואס ער מוז זיין א פאטריאט איז שוין געווים ניטא וואס צו רעדען. און אש'ס קריסטוס שרייט אויס מיט זיין וואלוועלען פאטאס: „צו האב איך דען פאר אייך, פאר אייך (ד. ה. אידען) מיין בלוט ניט פערגאסען אין (?) מיין מאמעס אויגען?“ דערביי פערגעסט אש מעהר נישט, אז מאכען קריסטוס פאר א נאציאנאלען אידישען מענשען־גאט הייסט דאס פערניכטען איהם: ער פערגעסט, אז פאר דעם וואנגעלישען קריסטוס האט די מאמע געשפיעלט אזא קליינע ראלע, אז ער האט אפילו נים געוואלט צו איהר



ארויסגעהן בעת זי איז געקומען זעהען זיך מיט איהם. *)

ניין די קריסטליכע לעגענדע וועלען אידען ניט איבערנעהמען און קאנען זי ניט איבערנעהמען!

(ענדע קומט.)

# נאטיצען:

דר. ח. זשיטלאווסקי:

## העברעאישער קולטור קאנגרעס

ווי די לעזער פון „דאס נייע לעבען“ וויסען פון דעם אויפרוף, וואס איז אבגעדרוקט אין דעם פאריגען העפט, וועט אין דעצעמבער אבגעהאל־טען ווערען א קאנגרעס פאר העברעאיש און העברעאישע ליטעראטור. דער קאנגרעס פערשפרעכט צו זיין זעהר אינטערעסאנט. עס וועט אויף איהם דארפען בעשטימט ווערען ווי מען זאל אויסנוצען די העברעאישע שפראך און קולטור פאר דעם „קיום הלאום“, פאר די דורכפיהרונג אין לעבען „דעם שטארקען רצון פון דעם אידישען פאלק צו ערהאלטען און ענטוויק־לען זיינע נאציאנאלע לעבענס־פארמען“. פאר אונז די וואס שטעהען אויף דעם באדען פון דער טשערנאוויצער קאנפערענץ, וועט בעזונדערס זיין אינ־טערעסאנט די שטעלונג, וועלכע ער וועט אננעהמען בנוגע צו דער א י ד י ־ ש ע ר שפראך און דער א י ד י ש ע ר קולטור. אין דעם אויפרוף איז וועגען דעם א ווארט ניטא. אבער מיר האבען א רעכט אנצונעהמען אז די שטעלונג איז, ווענינגסטענס ביי דעם איניציאטיוו־קאמיטעט פון דעם קאנ־גרעס בשום אופן ניט קיין פיינדליכע צו אידיש. מיר שליעסען דאס פון דעם פאלגענדען פאקט

דער איניציאטיוו־קאמיטעט האט אונז בעעהרט מיט דער איינלאדונג, אונטערצושרייבען זיין אויפרוף. מיר האבען דערויף געענטפערט, אז מיר שטעהען אויף דעם באדען פון דער טשערנאוויצער קאנפערענץ, וואס אנער־קענט, אז אידיש איז א נאציאנאלע שפראך, ד. ה. אז זי איז ניט די איינציגע נאציאנאלע שפראך פון'ם אידישען פאלק. און אויב דער קאמיטעט שטעהט אויף אן עהנליכען שטאנדפונקט, ד. ה., אויב ער רעכענט אויך, אז העברעאיש

*) נור איין שטריך האט מיך ערנסט פעראינטערעסירט אין אש'ס שילדערונג פון קריסטוס און מרים, און מיך וואונדערט וואס דר. זשיטלאווסקי האט זיך נים אבגעשטעלט אויף דעם שטריך. דיא אידען האבען פאלש פערמשפט און קרייציגען טאג טעגליך „זייער ברודער פון נצרת“. איצט, אז עס נעהט ווענען שלום שליסען, האבען דוכט זיך געדארפט משיח און רחל קומען צו קריסטוס'ן און מרים'ן בעטען ביי זיי מחילה. און ביי אש'ן קומט עס אויס פערקעהרט. א־מאדנער דרייפוס וואס בעט מחילה ביי זיינע פייניגער און תלינים! איז דאס א טעות, אדער אפשר האט גראד דא אש'ן אונטערגעזאגט דער אינסטינקט פון א קינסטלער אז דער „געקרייצטער דרייפוס“ דארף פערדינען א מחילה פון זיינע שופטים!...

* * *

ביאַליק ווייס ניט וואָס איז יוגענד און וואָס איז ליעבע (ווען ער וואָלט עס ניט אויסזאָגען, וואָלטען מיר עס אויך געוואוסט; ס'איז קיין סוד ניט; טאָמער איז עס געווען א סוד, האָבען עס אונז די שירים זיינע אויסגעזאָגט), דער שכל, דער אייבינער צווייפלער, שוואכט אָב ביי איהם די גאַנצקייט און תמימות פון געפיהל; ווען ער איז אומעטיג און אינטים, איז ער שטיל און ווייך, נאָר פּרובט ער אויסדריקען עטוואָס **שטארקעס** און לעבענס־לוסטיגעס, מוז ער שרייען און מגזם זיין; קורץ, ביאַליק איז א **אידישער**, אפשר דער **אידישסטער** פּאָעט, — דער פּאָעט פון אויפלעבונג איז ער ניט. ער איז דער פּאָעט פון גלות, פון **לעצטען** גלות. ביאַליק האָט אריינגעקוקט אין דער לעצטער טיפענים פון גלות אין ביאַליק'ס פּאָע־זיע, אין דער פּאָעזיע פון **צאָרן און צער**, האָט דער גלות זיך אויסגעשעפּט. ס'איז זיין לעצטע טרעהר, זיין לעצט געלעכטער — פון זיך אליין. ביאַליק האָט ניט נאָר פערשאָלטען דעם גלות און דאָס גלות'דיגע פאָלק; ער האָט עס — דער ערשטער צווישען די אידישע פּאָעטען — פער־אכטעט און ביטער אויסגעלאכט. דעם כוס פון טרעהרען האָט ביאַליק פול געמאכט, דעם בעכער פון גיפט האָט ער אונז אין פּנים געוואָרפען. מיר זענען פול מיט יאוש געווען, ביאַליק האָט פער'סמ'ט אונזער יאוש. ביי איהם אין הארצען זיצט א שלאַנג —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

הוי, אנה מחמתו אברחה, אנוסה? —
גם חיה לא אחיה, גם מות לא אמותה! — („הרהורי לילה").
(אָה, וואהין זאָל איך ענטלויפען פון זיין גיפט? —
ניט איך לעב און ניט איך שטארב!).

דאָס רעדט ער ווענגען זיך, נאָר מיינען מיינט ער די גאַנצע אידישע נאַציע: — **די** ליריק ביאַליק'ס, וועלכע איז געשריבען אין גייסט און סטיל פון די נביאים, — איז די ליריק ניט פון איין מענשען, ס'איז די ליריק פון דער גאַנצער אידישער נאַציע:

און איהר וועט חלשען דעם טויט
און בענקען וועט איהר נאָכ'ן לעבען...
נאָר גאָט וועט אייך ניטביידע געבען...

אַזוי זאָגט דער „נביא" אין דאָס „לעצטע וואָרט". ס'איז ווירקליך **דאָס לעצטע וואָרט**: פערשוואונדען די לעצטע האָפנונג — די האָפ־נונג אויפ'ן טויט...

און נאָך א האָפנונג — אויך א לעצטע — איז פערשוואונדען: די האָפנונג, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט דער פיהלען ווען עס איז זיין וועהטאָג...

דער פּאָעט דערצעהלט:

איך האָב געהערט עס איז אייך שווער,
איך האָב געמיינט איהר פיהלט און ווייסט
און ווערגט זיך שטיל מיט אייער טרעהר,



און זוכט א הילף, און בעט א טרייסט

— — — — — — — — — — — — — —

איך קום, איך וועל זיך נאָר בעוויזען —
און איהר וועט אויפשטעהן מיט אמאָל...
איצט שטעה איך אונטער אייער טהיר —
און אָבגענומען איז מיין לשון;
עס הענגט א שווערע נאכט אויף מיר —
מיין פונק, מיין ליכט איז אויסגעלאָשען...
**איך האָב בענעגענט שפּאָט און שאנד,**
**איהר האָט פאר מיר די טהיר פערמאַכט** —
און אָבגעשטויסען איז גאָט'ס האנד
און גאָטעס וואָרט איז אויסגעלאכט...

(„דאָס לעצטע וואָרט").

(**פּאָרטזעצונג קומט**).

---

# דיסקוסיאָן:

ש. אַנ־סקי.

## די צלם פראגע

און ענטפער דר. ח. זשיטלאָווסקי.

(ענדע פון העפט 10).

### .4

נור אויב די קריסטליכע לעגענדע מוז און וועט בלייבען פרעמד דעם אידישען גייסט, וועלען הייסט דאָס בלייבען אויף אייביג פרעמד פאר אידען די שעהנסטע און טייערסטע פערלען פון דער קריסטליכער קולטור? וואָס אין דער אידישער הארץ קיין מאָהל ניט געפינען קיין אָבקלאַנג ניט די סיק־סטינער מאַדאָנא, ניט באַך'ס „פּאססיאָנס מוזיק", ניט בעטהאָווענס „מעססא", ניט דאַנטע'ס „גיהנום" ניט הונדערט אַנדערע געניאַלע ווערק פון דער קריסטליכער קולטור? דאָס ווייס איך ניט. איך ווייס נור אַז אידען דארפען און וועלען בלייבען אידען, און זיי וועלען זיך קיין מאָהל ניט אָבזאָגען פון זייער אידישקייט אפילו צוליעב אַזאַ שאַץ ווי ראַפאַעלס און בעטהאָווענס ווערק. נור, צוזאַמען מיט דעם דוכט זיך מיר, אַז עס איז ניט אויסגעשלאָסען די מעגליכקייט, אַז ראַפאַעל, בעטהאָווען און אַנדערע

זאָלען געפינען איין אָבקלאַנג אין דעם אידישען גייסט. די „סיקסטינער מאַדאָנאַ“ און בעטהאָווענס „מעססאַ“ זיינען געניאַל ניט דערפאַר ווייל זיי האָבען אַ קריסטליכע פאָרם, נור ווייל אין זיי ליעגט איין אַל־מענשליכע אידעע. איז דען ניט מעגליך אַז דער אידישער גייסט זאָל איבערנעהמען די אידעע אָהן דער פאָרם? („רמון מצא—תוכו אכל וקליפתו זרק“).

ניט לאַנג איז מיר אויסגעקומען (אין בוך „פערעזשיטאָיע“ און אויך בקצור אין „דאָס נייע לעבען“) אין איין ארטיקעל איבער דעם אידישען פאָלק־לאָר אויפצואווייזען אַז דאָס אידישע פאָלקס־שעפפעריי האָט אין זיך אלע עלעמענטען פון אייראָפּעאישען פאָלק־לאָר נור מיט דעם חלוק, אַז דער אידישער גייסט האָט איבערגעמאַכט אַלע גשמיות׳דיגע מאָטיווען, עכט היידנישע, אין רוחניות׳דיגע. קען דען דער אידישער גייסט אויף דעם אופן ניט איבערארבייטען און אויפנעמען אויך די קריסטליכע קונסט?

מיר האָבען אויף דעם ביישפּיעלע. איין עכט גלויבענדער קריסט דאַרף גאָר ניט דורכדרינגען זיך מיט דעם היידענטהום כדי צו פערשטעהן און דורכפיהלען וועגוס פון מילאָ. מיר האָבען אַ ביישפּיעל אַז וועגוס קען אויפגענומען ווערען אין ריין גייסטליכען זין. אַ געניאַלער רוסישער שריפטשטעלער גלעב אוספּענסקי וועלכער איז מיט זיין פּסיחיק געוועזען זעהר נאָהענט צום יודענטהום, האָט פערשטאַנען וועגוס נאָר אין איין רוחניות־שטימונג (זעה זיין סקיצע „זי האָט אויסגעגלייכט“). *) כמעט דאָס זעלבע קען מען זאָגען וועגען אַנטאָקאָלסקי. האָט דען זיין אידישער געניע ניט געפונען אַ מיטעל איינגאַנצען אומוועקסלען די עכט היידנישע גשמיות׳דיגע סקולפּטור אין אַ ריין רוחניות׳דיגע קונסט?

.5

דאַרפען אפשר אידען, אַ קשי עורף פאָלק, וואָס לעבט מיט דעם ווילדען דין „אַ צאָהן פאַר אַ צאָהן, איין אויג פאַר איין אויג“ איבערקוקען זייער משפט אנטקעגען קריסטוס לעהרע און ענדליך פערשטעהן, אויף וויפיעל עס איז הויך און שעהן די לעהרע פון דעם געקרייציגטען וועגען ליעבע אָהן אַ מאָס און מחילה אָהן גרענצען? איך רעכען, אַז וויינינער ווי וועמען ניט איז, דאַרף איך דר. זשיטלאָווסקי דערצעהלען, אַז אין אַלע רעליגיאָנען ליגט דער געטליכער פּרינציפּ פון ליעבע און מחילה, אַז אין דעם בודיזם איז ער

*) גליעב אוספּענסקי איז פאַר׳ן טויט אַראָב פון זינען. דער דאָקטאָר, ביי וועמען ער איז געווען אין אַנשטאַלט, האָט געפיהרט אַ טאָגע בוך, וואו ער האָט פערשריבען דעם קראַנקענס פערוווירדטע רעד. איך האָב געהאַט אין האַנד דעם טאָגע־בוך און האָב דאָרטען געפינען, אַז אוספּענסקים קראַנקער געדאַנקען האָט שטענדיג געאַרבייט אויף דער פראַגע וועגען אונזער ציוויליזאַציאָן, וועלכע דיענט די רייכע פאַר אַ מיטעל צו דריקען די פאָלקס מאַסען. לסוף האָט אוספּענסקי געפונען אַזאַ מיטעל: זאָל די גאַנצע ציוויליזאַציע בלייבען און ענטוויקלען זיך נור גייסטליך: זאָל מען נור לערנען ווי צו מאַשינען, דאַמפף שיפען און באַלאָנען, זאָל מען האָבען דערפון גייסטיגען פערגעניגען אָבער קיינע גשמיותדי׳גע נוצען.



אויסגעדריקט פיעל העכער, און איידעלער ווי אין דעם קריסטענטהום. און דאַרף איך דערצעהלען דעם פּראָפעסאָר פון „געדאַנקען וועגען דיא היסטאָרישע שיקזאַלען פון יודענטהום“ אַז די תורה פון קריסטוס איז געבאָרען געוואָרען און אויסגעוואַקסען ביי אידען? איך וואָלט נור וועלען דערמאָנען דר. זשיטלאָווסקי עטליכע ווערטער פון דעם געוויסען קריסט־ליכען פילאָזאָף וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו: אידען האָבען ניט אָנגענומען קריסטוס לעהרע אין די פאָרמען, אין וועלכע ער האָט זיי פאָרגעלייגט, דער־פאַר, ווייל דער אידישער אידעאַל איז געוועזען „גאָטס־קעניגרייך“ אויף דער ערד צווישען מענשען, און קריסטוס האָט אוועקגעטראָגען דעם אידעאַל אויף׳ן הימעל.

יעדעס מאָל, אַז איך עפען אויף דעם עוואַנגעליום און לעז דאָרטען די הויכע און שעהנע פּרעדיגען פון קריסטוס, נעהמט מיך אָן אַ מאָדנער געפיהל, איין אומרוהיגער און שווערער. אַלס גוט, אַז מי פּאַטשט דיך אין איין באַק שטעל אויס די אַנדערע, אַז מי נעהמט ביי דיר דעם איבערבגד — גיב אוועק דאָס העמד, זיי מוחל ביז 77 מאָל, האָב ליעב דיינע שנאים, רייס אויס דיין אויג און האַק אָב דיין האַנד, אויב זיי פיהרען דיך צו אַ בייזען הרהור אָדער אַ בייזער טהאַט. אַלס גוט. אָבער... אָביסעל צו גוט, צו פרום. און וואָס צו איז איבריג, וועקט אַ חשד. ניט אומזיסט זאָגט מען: ווען מען שטעלט עמיצען צו הויך, איז אַ סמן, אַז מען וויל זיין וואָס ווייטער פון איהם. און יעדער מאָל אַז איך קלעהר וועגען דעם „צו“, פאַלט מיר אריין אין זינען די פראַגע: „פאַרוואָס זשע אָבער איז אַקוראַט די הויכע לעהרע פון ליעבע און מחילה אָהן אַ מאָס, געוואָרען ביי מענשען אין די הענד אַ געוועהר פון פיינדשאַפט, פערפאָלגונגען און בלוטדורשטיגקייט? פאַרוואָס האָט מען דוקא אין דעם נאָמען פון קריסטוס געמאַכט אויטאָ דע־פעען, קרייץ־מלחמות, הריגות, רציחות און פּאָגראָמען? פאַרוואָס האָט מען דאָס אַלץ ניט גע־מאַכט אין דעם נאָמען פון סאָקראַט, פון בודאַ, פון קאָנפוצי? זענען אין דעם שולדיג נור די תלמידים, אָדער אפשר אויך דער רבי? צו ליעגט ניט אַ קערענדעל פון צופוילטקייט אין דער פערזענליכקייט פון קריסטוס זעלבסט?

.6

הונדערטער מיליאָנען מענשען האַלטען קריסטוס פאַר אַ גאָט. פאַר זיי שטעהט ער אויסער יעדער קריטיק. גאָט מעג אַלץ, ער מעג אפילו ניט עקזעסטירען. איהם משפט מען ניט. און ווען דר. זשיטלאָווסקי וואָלט אונז רופען אנערקענען קריסטוס פאַר אַ גאָט, וואָלטען מיר ניט האָבען וואָס צו רעדען וועגען דער פערזענליכקייט פון דעם געקרייציגטען. אָבער, אונז רופט מען שלום מאַכען מיט קריסטוסען ווי מיט אַ נביא, מען רופט אונז רעוועדירען זיין פּראָצעס, דאַרום רעכענען מיר פאַר מעגליך נעהענטער צוקוקען זיך צו דער פערזענליכקייט פון פער׳משפט׳ען.

אי, פריהער, פאַר קריסטוס׳ן, אי שפּעטער, אי ביי אידען, אי ביי אנדערע פעלקער זיינען געוועזען געטליכע לייט: נביאים, פאָלקס־לעהרער, גייסטעס קעמפּפער: משה, בודאַ, קאָנפוצי, סאָקראַט, ירמיהו, הוסס, ניקיטאַ

פוסטאָסוויאַט און הונדערטע אַנדערע. ווי ווייט די אַלע געטליכע לייט זיינען ניט איינע פון די אַנדערע, סיי אין זייערע תורה'ס, סיי נאָך זייערע האַראַקטערען—האָבען זיי דאָך אַלע זיך אויסגעצייכענט מיט אייניגע עהנ־ליכע מדות. דורך וועלכע זיי האָבען זיך אָבגעטיילט, געשטעלט העכער איבער דעם געוועהנליגען המון: ערשטענס—האָבען זיי אַלע פערגעסען דעם איינגענעם איך, מפקיר געוועזן איהם צוליעב זייער לעהרע. צווייטענס, האָבען זיי אַלע זיך אויפגעפיהרט און געלעבט לויט זייערע אייגענער לעהרע און קיינער פון זיי האָט ניט בעהאַלטען פאַר די שטאַרקע און געוועלטיגע זיין אמת, האָט ניט מורא געהאַט צו וואַרפען איהם אין פּנים אריין די שופטים און תלינים; און דריטענס—קיינער פון זיי האָט זיך ניט גע־שראָקען פאַר דעם טויט: זיי זיינען געגאַנגען צום טויט וויא אויף א שמחה.

דאָס זיינען די וויכטיגסטע סמנים פון אמת'ע נבאים. געפינען מיר ביי קריסטוס אָט די סמנים?

קודם כל מוז מען בעמערקען, אַז קריסטוס האָט פון אָנהייב אָן צוגע־צויגען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דעם המון און ארויסגערופען צו זיך א געפיהל פון פערגעטערונג ניט מיט זיין לעהרע, אויך ניט מיט טהאַטען פון מסירת נפש און ליעבע, נאָר מיט מופתים, זעהר עהנליכע צו די מופתים פון א געוועהנליכען מכשף: מיט א וואָרט אָרער מיט דעם צוריהרען זיך, מאַכט ער בלינד זעהענדיגע, מאַכט געזונד אָן־פּיסיגע און משוגע'נע, מאַכט לעבעדיג טויטע און טרייבט ארויס רוחות און שדים — איך ווייס ניט, וואָס טראַכט דר. זשיטלאָווסקי וועגען די אַלע מופתים, נור איך פערשטעה גאַנץ גוט, אַז פאַר דער אידישער אינטעליגענץ פון יענער צייט, וועלכע האָט גוט געדענקט די אמת'ע אידישע נביאים, האָט קריסטוס געמוזט פון ערשטען ארויסטרעטען דערוועקען צו זיך א חשד. און ניט אומזיסט האָבען די פּרושים שטענדיג נאָכגעפרעגט זיך ביי איהם: „מיט וועמעס נאָמען טוסט דו דיינע מופתים?"

און ניט מיט דעם אַליין האָט ער געוועקט א חשד צו זיך. אידען זיינען געוועהנט געוועזן אַז א נביא זאָל ארויסטרעטען אין גאָטס נאָמען. קריסטוס אָבער איז ארויסגעטראָטען מיט דעם וואָרט „איך". ניט איין פרעדיגונג, ניט איין ווענדונג צו וועמען ניט איז בעגעהט זיך ניט ביי איהם אָהן דעם „איך". „קומט נאָך מיר,—ווענדעט ער זיך צו די ערשטע צוויי פישער, וועלכע ער בעגעגענט,—איך וועל אייך מאַכען פאַר מענשען־פיינגער".— „ווער עס האָט ליעב זיין פאָטער און מוטער מעהר איידער מיך, דער איז מיך ניט ווערטה". — קומט צו מיר אַלע פערהאָרעוועטע און בעלעסטיגטע און איך וועל אייך בערוהיגען". און ניט צו מיט גרויס עניות: „ווייל איך בין מילד און בין אַן ענו". בקצור, אומעטום וואו די פריהערדיגע נביאים זענען ארויסגעטראָטען מיט די ווערטער: „נאום אלהים", איז ביי איהם געוועזן דער „איך". און נאָר ניט אַלע מאָל איז דער „איך" געוועזן ביי קריסטוס א גייסטליכער.

קריסטוס לעהרענט זיינע תלמידים פיעל גוטע מדות. אָבער, צו איז



ער אַליין מקיים חאָטש איינע פון זיי? זאָל מען מיר ווייזען אין יע־וואַנגעליום חאָטש איין עפּיזאָד, וואו קריסטוס האָט ארויסגעוויזען עניות, גוטהערציגקייט, וואו ער האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר דעם אַנדערען, האָט אָוועקגעגעבען דעם בגד פון לייב, אונטערגעשטעלט די באַק גוט־ווילענדיג. יעדער מאָהל אַז איהם שטעלט זיך פאָר אַזא נסיון, טהוט ער אַקוראַט פערקעהרט. מוחל זיין דאַרף מען 77 מאָל—אָבער ער אַליין האָט ניט קיין שום פונק פון מחילה פאַר די פּרושים און נאָך מעהר פאַר יענע שטעדט, וועלכע עס וועלען ניט צונעמען ווי געהעריג זיינע תלמידים: די שטעדט וועלען האָבען אַן ערגערען סוף ווי סדום און עמורה. מען דאַרף זיין מילד, מילד אָהן גרענצען. אָבער אַז איהם געפעלט ניט וואָס אין בית המקדש זיצען און האַנדלען קרעמער, פערגעסט ער די גאַנצע מילדקייט און אַנ־שטאָט צו ווענדען זיך צו זיי, ווי צו מענשען, מיט א וואָרט, הייבט ער אָן צוואַרפען זייערע טישלאַך (דער ערשטער אידישער פּאָגראָם). און ניט נאָר איז ער ניט מקיים דאָס, וואָס ער פרעדיגט פאַר אַנדערע — ער שטרייכט נאָך אונטער, אַז ער אַליין איז ניט מחויב דאָס מקיים צו זיין, אַז ער איז ניט גלייך צו אַלעמען און שטעהט העכער ווי די לעהרע וואָס ער פרעדיגט פאַר אַנדערע, בקצור,—איין איבערמענש. אַז מי בעט ביי איהם א נדבה אויף א בית המדרש, ענטפערט ער: „נעהמען דען מלכים צינז פון זייערע קינדער און ניט פון אַנדערע?" אַז א פרוי הייבט איהם אָן זאַלבען מיט טייערען בוימעל און די תלמידים, געדענקענדיג זיין לעהרע, ווייזען איהם אויף מיט רוגזה, אַז דעם בוימעל האָט מען געקענט פערקויפען און דאָס געלד אָוועקגעבען אָרעמע לייט,—ענטפערט ער, דער ענו און בעל־רחמים:— „אָרימע לייט וועט איהר אַלע מאָל האָבען און מיך וועט איהר ניט אַלע מאָל האָבען ביי אייך".

קען מען זיך פאָרשטעלען, אַז עמיצען פון די תלמידים פון סאָקראַט אָדער בודדאַ זאָל אריינפאַלען אין זינען זאַלבען אָדער וואַשען די פיס זייער רבי און ער זאָל עס צונעהמען מיט אַזא זעלבסטפערליעבטקייט ווי קריסטוס?!

קריסטוס לערנט זיינע תלמידים: „זייט מילד ווי טויבען און קלוג ווי שלאַנגען" (א טויבען־מילדקייט, הינטער וועלכער עס ליעגט א שלאַנגען־קלוגקייט, איז א ביסעל א חשד־מילדקייט). קיינער פון די פריהערדיגע און שפּעטערדיגע נביאים האָט ניט געלערנט זיינע תלמידים אָט די מידה. קריסטוס אָבער, לא די, וואָס ער לערענט עס אַנדערע — גראַד די מידה איז ער אַליין מקיים אויף יעדען טראָט. ביי זיין גאַנצער מילדקייט פערגעסט ער זיך אויף א מינוט ניט: ער קריכט ניט אין פייער, ווי א ירמיהו אָדער ווי א ניקיטאַ פוסטאָסוויאַט. אונטער די אויגען עקר'ט ער מעשים איינקעגען די פּרושים, אָבער ער רוקט זיך ניט צו וואַרפען זיי אין פּנים זייערע זינד און זייער פאַלשקייט. כדי צו שטרויכלען איהם, מוזען זיי זיך יאָגען נאָך איהם און אויסזוכען אַלערליי מיטלען, כדי נויטען איהם ארויסזאָגען אָפען און קלאָר דאָס, וואָס ער טראַכט. און דאָס העלפט אויך ניט. מיט א ווערטעל,

וועלכען מען קאָן טייטשען ווי מען וויל. דרעהט ער זיך אַרום פון זייערע הענט ווי אַ גליטשיגע פישעל. אַז זיי שטעלען איהם אַזאַ וויכטיגע פראַגע: „דאַרף מען צאָהלען צינז?“ דרעהט ער זיך אַרום מיט אַזאַ מין ענטפער: „וועמעס פנים איז אויסגעקריצט אויף דער מטבעה? צעזאַר׳ס? טאָ גיט אַוועק צעזאַרען צעזאַר׳ס“.

די תלמידים לערנט ער מוסר נפש זיין זיך: „האָט קיין מורא ניט פאַר יענע, וואָס טויטען דעם גוף. די נשמה קענען זיי ניט טויטען“. ער אַליין אָבער האָט שטאַרק פחד פאַר די וואָס טויטען דעם גוף. נאָך עהדער ער געהט קיין ירושלים, הויבט ער שוין אָן מורא צו האָבען פאַר די דאָרטיגע הערשער און „ענטפלעקט“ פאַר די תלמידים, אַז דאָרטען וועט מען איהם פייניגען און טויטען. ער חזר׳ט דאָס איבער פיעל מאָל אי שפּעטער. ווען ער דערוויסט זיך, אַז די הערשער זענען אויפגערעגט אייגקעגען איהם, הויבט ער אָן צו בעהאַלטען זיך (ווען ניט — צו וואָס וואָלט מען בעדאַרפט אַ פערראַטהער. וועלכער זאָל פאַר געלד איהם אַרויסגעבען?) די לעצטע נאַכט עהדער מען אַרעסטירט איהם, „מאַטערט ער זיך“ אין טויטליכען שרעק און צער, ווערט בעגאָסען מיט קאַלטען שוויים, טוט תפילה, בעט די תלמידים, זיי זאָלען איהם ניט לאָזען אַליין, קלאָגט זיך, אַז זיי וועלען זיך אָבזאָגען פון איהם א. ז. וו.

קריסטוס שטעהט פאַר זיינע שופטים. דוכט זיך דאָס איז דער העכסטער און שעהנסטער מאָמענט אויסשרייען פאַר דער גאַנצער וועלט שאַרף און אָפען דעם נייעם אמת. וואָס טוט קריסטוס? ע ר ש ו ו י י ג ט. און אַז דער כהן גדול בעשווערט איהם אין גאָט׳ס נאָמען, ער זאָל איהם זאָגען, צי איז ער משיח? ענטפערט ער, ווי ער פלעגט פריהער ענטפערען די פרושים, מיט אַ הין־הער ווערטעל: „דו האָסט עס געזאָגט“.

און אין דעם לעצטען מאָמענט פון דער טראַגעדיע, אַז קריסטוס איז שוין אויף דעם צלם, געפינט זיך אין זיין גייסט, ווי דאָס לעצטע וואָרט, ווי דער סינטעז פון זיין גאַנצער פערזענליכקייט, נור איין אויסגעשריי פון שרעקליכען יאוש, פון ספק אין גאָט, אין דעם אמת און אין אַלץ, וואָס ער האָט געפּרעדיגט לייטען: „גאָט, מיין גאָט, פאַרוואָס האָסט דו מיך פערלאָזען!!“

איך וואָלט וועלען דער לעזער זאָל זיך דערמאָנען ווי משה רבנו איז געשטאָרבען, ווי עס האָט באַנעגענט דעם טויט בודדא, ווי סאָקראַט איז געשטאַנען פאַר זיינע שופטים און ווי ער האָט באַגעגענט דעם טויט!..

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז אין די אַלע מדות און תנועות, וואָס איך האָב אויפגעוויזען ביי קריסטוס, זעהט מען אַקוראַט די העכסטע פּאָעזיע און די אידעאַלע מענשליכע שעהנהייט פון קריסטוס. אָבער ווי אַזוי ווערט דאָס אַלץ פּאָעטיזירט און אידעאַליזירט? „זעהט, ער דער גאָט, איז געבליבען אַ מענש, דערפאַר איז ער נאָך שעהנער“. דאָס איז אמת. אַז אַ גאָט האָט אין זיך תנועות פון אַ מענשען, און בלייבט גאָט, איז ער נאָך העכער און שעהנער. אָבער בעווייזט זשע אַז קריסטוס איז אַ גאָט, אַ געטליכער מאַן??



און וואָס איז בעשטאַנען זיין געטליכקייט? שוין־זשע מעהר נישט אין זיין תורה, וועלכע ער האָט גענומען ביי פרעמדע? אָבער מיר ווייסען דאָך, אַז ניט דורך ווערטער, נור דורך מעשים קאָן אַ מענש ווערען געטליך. ו ו א ו זיינען קריסטוס׳ מעשים?! איך דערמאָן מיך דאָ אָן די ווערטער וואָס קאַמיל דעמולען האָט, דוכט זיך, געזאָגט וועגען קסרים: „זיי ווייזען אונז אויס אַזוי הויך נור דערפאַר ווייל מיר שטעהען פאַר זיי אויף די קניה, לאָמיר אויפשטעהן!“

ניין! מיר, אידען, האָבען ניט אין וואָס צו רעוועדירען אונזער משפט אייגקעגען קריסטוס׳ן. אויב עס וואָלט געקענט זיין אַ רעד פון אַ רעוויזיאָן, וואָלט מען דאַרפען רעוועדירען דעם גאַנצען צוויי־טויזענד־יאָהריגען משפט, און יעמאָלט וואָלטען אידען אפשר געקאָנט האָבען וועלכע עס איז טענות צו קריסטוס, זיינע יורשים און תלמידים. נאָר דאָס אידיש פאָלק מאָהנט ביי קיינעם נישט. דאָס איינציגע, וואָס אידען באַגעהרען, איז — אַז האָטש זייערע אייגענע קינדער זאָלען זיי אויפהערען צו מאַרטירען מיט דעם נאָמען פון קריסטוס.

אידען וועלען קיין מאָל ניט שלום מאַכען מיט קריסטוס, ווי זיי וועלען קיין מאָל ניט אויפהערען רופען טטוס׳ן — טטוס הרשע. קריסטוס׳ נאָמען, אין וועלכען עס האָט זיך טויזענדער יאָהרען נעגאָסען אידיש בלוט, געשענדט געוואָרען אידישע טעכטער, צוריסען געוואָרען ספרי־תורות און דאָס גאַנצע פאָלק איז געמאַכט געוואָרען ללעג וקלס, — דער נאָמען וועט קיין מאָל ניט ווערען הייליג און טהייער פאַר דאָס אידישע פאָלק! און אין יעדען פרוב, אין יעדען אַרויסטראָט צו מאַכען שלום צווישען „אונז מיט דעם צלם“ וועט דאָס אידישע פאָלק זעהען מעהר נישט ווי אַ נייע בעלידיגונג פאַר זיך, פאַר דעם יודענטהום און פאַר די הונדערטער דורות פון קדושים און פערפאָלגטע, וועלכע האָבען אונז איבערגעלאָזען זייער טראַגישע ירושה, זייער אמונה, זייער נסיון, זייער אָהן ראַכע פערגאָסענע בלוט, זייערע ניט אויסגעוויינטע טרעהרען און דעם הייליגען נאָמען א י ד.